מאַקס עריק

# די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור

## פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה

....

פערצנטער־אכצנטער יאָרהונדערט.

מיט 35 בילדער און מעלאָדיעס

פאַרלאַג
קולטור־ליגע
וואַרשע



## מאַקס עריק

# די געשיכטע פון דער יידיש. ליטעראַטור

### פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה-תקופה

פערצנטער—אַכצנטער יאָרהונדערט

מיט 35 בילדער אין מעלאָדיעס

צום ערשטן מאָל ווערט דאָ געגעבן אַ ברייט און שטרענג וויסנשאַפטלעך געשילדערט בילד פון דער ערשטער גרויסער תקופה פון דער יידישער ליטעראַטור. דער לעזער באַקענט זיך מיט די ערשטע שריט פון דער יידישער ליטעראַטור, אירע ערשטע צענטרען און שעפער, אויפן פאָן פון אַ ברייטער שילדערונג פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פאָליטישע יסודות פון דער תקופה. מיר וואַנדערן צוערשט אין די טונקעלע געסלער פון דעם יידישן געטאָ אין מיטלאַלטער, צווישן מויערן, אַרום וועלכע ס׳וועבן זיך אומצאָליקע לעגענדעס, אַרומגערינגלט דורך אַמאָליקע יידישע טרובאַדורן, זינגער און לצים. אין צווייטן טייל פון בוך טראָגן מיר זיך אַריבער אין דעם געדיכט באַפעלקערטן יידישן פוילן, אין צענטער פון אַ הויך שטייגנדיקער רעליגיעזער און מיסטישער כוואַליע, וואָס לייגט אַרויף איר שטעמפל אויך אויף דער יידישער ליטעראַטור.

עריקס בוך גיט סיי אַ פּליסיקע, מאָדערנע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור ביזן יאָר *1750*, סיי אַ גרויסאַרטיק בילד פון דעם יידישן קולטור-לעבן יענע צייטן.

***עריקס געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור איז דער גרעסטער דערפאָלג פון אַן ערנסטן יידישן בוך אין די לעצטע יאָרן.***

וואָרעם האָט זי אויפגענומען דער יידישער לייענער, און אין אַ קנאַפּ יאָר איז אַוועק די גאַנצע ערשטע אויפלאַגע. נישט וויינִיקער הייס האָט זי באַגריסט די יידישע קריטיק און וויסנשאַפט. זי האָט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט אפילו פון די געלערנטע פון אַנדערע פעלקער, און אַ וואַרעמען אָפּרוף האָט אָפּגעדרוקט אין דער דייטשער „אָריענטאַליסטישער צייטונג‟ דער גרויסער פאָרשער און קענער פון אַלט-יידיש, פּראָפּ. פון יענאַער אוניווערסיטעט ווילי שטערק (אַ קריסט), אונטערשטרייכנדיק, אַז צום ערשטן מאָל איז געגעבן געוואָרן אַ סינטעטישע געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס שטייט אויפן ניוואָ פון דער מאָדערנער אייראָפּעישער פאָרשונג. און אָט זענען אויסצוגן פון רעצענזיעס און אַרטיקלען פון יידישע קריטיקער און פאָרשער:

## ש. ניגער

אין דער "צוקונפֿט", 1928, אויגוסט און סעפּטעמבער:

„עס איז אַ פּרוּוו צו מאַכן אַ סך־הכּל אין פֿאַרענטפֿערן אויב נישט אַלע, איז אַ גרויסן טייל פּראָבלעמען און אויפֿגאַבן, וועלכע שטייען פֿאַר דעם יידישן ליטעראַטור־היסטאָריקער. עס איז אַ געוואַגטער פּרוּוו ביי דעם איצטיקן צושטאַנד פֿון דער יידישער ליטעראַטור־פֿאָרשונג, אָבער מאַקס עריק האַלט, אַז ס'איז שוין געקומען די צייט צו מאַכן אָט דעם פּרוּוו. עריק האָט, ערשטנס, אַליין אָנגעזאַמלט און אויסגעפֿאָרשט אַ סך נייעם מאַטעריאַל, און, צווייטנס, קאָן געוואַגטקייט זיין פּונקט אַזוי נוצלעך, ווי פֿאָרזיכטיקייט... מאַקס עריק האָט נישט סתּם אַזוי אויסגעטראַכט אַ סכעמע פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער יידי־שער ליטעראַטור. זיין געשיכטע איז אַ רעזולטאַט פֿון יאָרן אַרבעט. ער שטיצט זיך אויף אַ רייכן און אויסגעפֿאָרשטן, ווען אפֿילו נישט גענוג פֿולן מאַטעריאַל. עריק האָט נישט נאָר געפּרוּווט אויפֿצושטעלן אַ בנין לויט אַ געוויסן פּלאַן. ער האָט אַליין געטראָגן ליים און ציגל צום בנין... עס איז נישטאָ נאָך אַ בוך, וואו עס זאָלן זיין אויפֿגעזאַמלט אין איין אָרט אַזוי פֿיל מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פֿון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור... נישט ווינציקער וויכטיק, ווי דער רייכער מאַטעריאַל, איז דער פּרוּוו אים צו סיסטעמאַטיזירן און אויס־צוטייטשן אים ווי אַ טייל פֿון דער גאַנצער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פֿון דעם יידישן פֿאָלק אין מערב־ און מזרח־אייראָפּע".

## דר. י. צינבערג

אין דער "יידישער וועלט", 1928, יולי:

„נאָך אייניקע נישט דערפֿילטע הבטחות און נישט געראָטענע פּרוּוון האָבן מיר ענדלעך באַקומען אַ בוך, וואָס טראָגט מיט רעכט דעם אחריות־דיקן נאָמען „געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור", וואו דער מאַטעריאַל איז מיט גרויס מי און ליבע געזאַמלט געוואָרן אויסשליסלעך פֿון די ערשטע קוועלן און וואו ער ווערט באַלויכטן אויפֿן וויסנשאַפֿטלעכן יסוד פֿון דער אַל־געמיין־אייראָפּעישער קולטור־ און ליטעראַטור־פֿאָרשונג... דאָס איז בלי־ספֿק אַ ניי בלאַט אין אונזער ליטעראַטור־פֿאָרשונג, און מיט אים וועט זיך מוזן רעכענען יעדער פֿאָרשער פֿון אונזער אַלט־יידישער ליטעראַטור און איר גע־שיכטלעכער אַנטוויקלונג..."

## דר. יצחק שיפּער

האָט געווידמעט עריקס בוך 5 גרויסע אַרטיקלען אין די "ליטעראַרישע בלעטער", מערץ־אַפּריל 1928. צווישן אַנדערע שרייבט ד"ר שיפּער:

„אין אונזער קליין נעלערנטן־וועלטל איז עריק אַן ערשט־ראַנגיקער, ערנסטער, אומגעהויער־פֿלייסיקער פֿאָרשער... מיט אַ הייס־הונגער האָב איך זיך געוואָרפֿן אויפֿן דאָזיקן אימפּאָזאַנטן ווערק פֿון קנאַפּע 450 זייטן! איך האָב עס דורכגעלייענט אין איין אָטעם, ממש פֿאַרשלונגען! עריקס בוך איז געוואַקסן גאַנצע 5—6 יאָר: אַזוי לאַנג האָבן געדויערט זיינע פֿאָרשונגען אין די פֿאַר־שיידנסטע אייראָפּעישע ביבליאָטעקן, זיינע קנעלונגען און צוגרייטונגען. 5—6 יאָר אָנגעשטרענגטע, אינטענסיווע זאַמל־ און פֿאָרשער־אַרבעט! איך בויג מיין קאָפּ...

צו אַ סך מיניאַטור-אַרבעטן וועגן פאַרשידענע ווערק פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור, וואָס זענען איינגעפלאָכטן אין עריקס בוך, וועט די פאָרשונג נישט האָבן מער וואָס צוצוגעבן. דאָס זענען אמתע קאַבינעט-שטיק פון פלייסיקער און שאַרפזיניקער פאָרשונג, אמתע פערל! דאָס ווערטפולסטע אין דעם בוך זענען דווקא נישט די סינטעזן, נאָר די פיינע אַנאַליזן פון די קלאַסישע ווערק פון אונזער עלטערער ליטעראַטור”.

## די רעדאַקציע פון די „ליט. בלעטער”

שרייבט אין נומ׳ 9, 1928

„סוף-כל-סוף האָבן מיר זוכה געווען צו אַן ערנסטער אָריגינעלער אַרבעט איבער דער געשיכטע פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור. ביזאהער האָבן מיר אין יידיש אַלץ איינצלנע אַרבעטן איבער איינצלנע ווערק און איבער איינצלנע תקופות פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור-געשיכטע. מיט דעם בוך פון מ. עריק רייסן מיר אַרויס אונזער יידישע ליטעראַטור-געשיכטע פון פרעמדע, פאַרפרעמדטע הענט”.

## אין דער דייטשער „יודישער רונדשוי”

נר׳ 90, 1928, שרייבט י. מייטליס צווישן אַנדערן:

„נאָך דעם פילצווזאָגנדיקן בוך עריקס „וועגן אַלטיידישן ראָמאַן און נאָוועלע”, וואַרשע 1926, וואָס קאָן באַצייכנט ווערן ווי אַ פּראָלעגאָמענאַ צו דער געשיכטע פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור, קומט איצט דאָס צווייטע, גרעסערע ווערק פון דעמזעלביקן מחבר, וואָס פירט אונז אַריין דירעקט אין דער פּראָבלעם-שטעלונג פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור און איר געשיכטע אין סינטעטישער דורכפאָרשונג. מיט אויסגעצייכנטער וויסנשאַפטלעכער שולונג גייט צו עריק צו זיין אויפגאַבע, ער דרינגט דורך דעם גאַנצן שטאָף, וואָס איז צעשפּרייט אין אומצאָליקע ביבליאָטעקן און אַרכיוון, און שאַפט דערפון אַ גאַנצקייט, אַ סינטעטישע, פליסיק געשריבענע ליטעראַטור-געשיכטע... איבער דעם פונדאַמענט פון די אַרבעטן פון שטיינשניידער, גרינבוים און בפרט ווילי שטערק און די צושטייערן פון די יינגערע יידיש-פאָרשער הויבט זיך אויף מאָנומענטאַל עריקס געשיכטע פון דער אַלט-יידישער ליטעראַטור”.

# עריקס בוך טאָר ניט פעלן אין קיין שום ייד. שטוב!

*ס׳איז אַ בוך פאַר יעדן פריינד פון יידיש, פאַר יעדן לערער, קולטור-טוער, אינטעליגענטן לייענער און בכלל פאַר יעדן, וואָס וויל וויסן ווי ס׳איז אַנטשטאַנען און געוואַקסן אונזער ליטעראַטור.*

**פרייז 15 זל., אין פראַכטבאַנד 17.75 זל.**

*בוכהענדלער, ביבליאָטעקן, שולן — ראַבאַט!*

אַדרעס: Sp. Wyd. „Kultur-Liga”, Warszawa, Leszno 40 m. 11
פאַר געלט: פ. ק. אָ. 2428.

זעצעריי ה. גרינבערג, נאָוואָליפּיע 30. טעל. 239-23